בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת נשא (חו"ל) תשע"ז** — **גליון 363 [שנה ח']**

**פארוואס אהרן ציילט די בני קהת**

וַיְדַבֵּר ה' אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר נָשֹׂא אֶת־רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן גַּם־הֵם לְבֵית אֲבֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם: (ד כא–כב) פארוואס ביי ציילן די בני קהת שטייט (ד א–ב) וַיְדַבֵּר ה' אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן לֵאמֹר נָשֹׂא אֶת־רֹאשׁ בְּנֵי קְהָת מִתּוֹךְ בְּנֵי לֵוִי – משה מיט אהרן, און דא ביי גרשון שטייט נאר וַיְדַבֵּר ה' אֶל־מֹשֶׁה? נאר עס שטייט אין מדרש (במדבר פ ד) ווייל קְהָת האט זוכה געווען אז אהרן זאל ארויס קומען פון אים וואס ער איז געווען א קודש הקדשים דעריבער האבן זיינע קינדער זוכה געווען צו ארבעטן מיט קודש הקדשים ע"כ, ממילא איז אהרן געווען דער וואס האט גורם געווען די גדולה צו די בני קהת דעריבער אלץ הכרת הטוב האט דער אויבערשטער געוואלט אז אהרן זאל זיי אויך ציילן צוזאמען מיט משה. (בנין דוד – עפשטיין ווילנא תרס"ט)

**פארוואס דארף שטיין למעל מעל בה'**

דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אִישׁ אוֹ אִשָּׁה כִּי יַעֲשׂוּ מִכָּל חַטֹּאת הָאָדָם לִמְעֹל מַעַל בַּה' וְאָשְׁמָה הַנֶּפֶשׁ הַהִוא: (ה ו) זאגט דער הייליגער חיד"א אין ספר פני דוד אז דאס וואס עס שטייט א דאפעלטע לשון לִמְעֹל מַעַל, ווייל די גמ' (ב"ב דף קסה:) זאגט אמר רב יהודה אמר רב רוב בגזל ומיעוט בעריות והכל בלשון הרע בלשון הרע סלקא דעתך אלא אבק לשון הרע: ממילא די ווארט מע"ל איז די ר"ת ממון עריות לשון הרע, וואלט א מענטש געמיינט וויבאלד אז די עבירות פון מַעַ"ל זענען מענטשן רגיל צו עובר זיין ממילא וועט די עונש זיין גרינגער ווייל עס זענען אסאך וואס האבן געטאן ווי אים! זאגט די תורה אִישׁ אוֹ–אִשָּׁה כִּי יַעֲשׂוּ .. לִמְעֹל "מַעַל" בַּה' שטייט האסט מועל געווע נאכדעם וְאָשְׁמָה הַנֶּפֶשׁ "הַהִוא" אז יעדן יחיד איז מען דן אזוי ווי נאר ער האט אויף דעם עובר געווען עכ"ד הפני דוד. לויט דעם ענין פון רוב און מיעוט זאגט הגאון ר' אברהם פאלאז"י דעריבער זאגט די תורה די דריי עבירות, ווייל עריות איז מיעוט, גזל איז רוב און אבק לשון הרע איז ביי אלע וואס די גמ' זאגט אין אדם ניצל מאבק לשון הרע, דריי דרגות אין עבירות. מיט דעם איז ער מסביר וואס יוסף האט געזאגט (בראשית לט ח–ט) וַיֹּאמֶר אֶל אֵשֶׁת אֲדֹנָיו הֵן אֲדֹנִי לֹא יָדַע אִתִּי מַה בַּבָּיִת וְכֹל אֲשֶׁר יֶשׁ לוֹ נָתַן בְּיָדִי אֵינֶנּוּ גָדוֹל בַּבַּיִתזו הַזֶּה מִמֶּנִּי וְלֹא חָשַׂךְ מִמֶּנִּי מְאוּמָה כִּי אִם אוֹתָךְ בַּאֲשֶׁר אַתְּ אִשְׁתּוֹ וְאֵיךְ אֶעֱשֶׂה הָרָעָה הַגְּדֹלָה הַזֹּאת וְחָטָאתִי לֵאלֹקִים, נאר יוסף האט גטענה'ט, וְכֹל אֲשֶׁר יֶשׁ לוֹ נָתַן בְּיָדִי, און ביזט מיר נישט חושד אויף גזל וואס רוב וועלט איז עובר און איך בין ביי דיר בגלויבט, איז כ"ש עריות וואס איז א מיעוט דארפסטו אודאי מיר גלויבן. (אברהם אנכי –ר' אברהם פאלאז"י)

**די אריכות כי יעשו "מכל חטאת האדם"**

אִישׁ אוֹ אִשָּׁה כִּי יַעֲשׂוּ מִכָּל חַטֹּאת הָאָדָם לִמְעֹל מַעַל בַּה' וְאָשְׁמָה הַנֶּפֶשׁ הַהִוא: (ה ו) דארף מען פארשטיין וואס מיינט די אריכות כִּי יַעֲשׂוּ "מִכָּל חַטֹּאת הָאָדָם" לִמְעֹל מַעַל בַּה' עס וואלט געקענט נאר שטיין אִישׁ אוֹ אִשָּׁה כִּי יִמְעֹל מַעַל בַּה'? אויך איז שווער דאס וואס שטייט "וְאָשְׁמָה הַנֶּפֶשׁ הַהִוא" וואס קומט אונז צו לערנען? נאר מען קען דאס פארענטפערן אז עס איז דא עבירות בין אדם למקום און עבירות בין אדם לחבירו, יעצט יעדע עבירה וואס א מענטש איז עובר מאכט דאס א פגם און א פלעק אין זיין נפש ביז מען טוט תשובה וואס דעמאלטס שטייט (תהלים נא ד) דוד המלך ע"ה זאגט הֶרֶב כַּבְּסֵנִי מֵעֲוֹנִי וּמֵחַטָּאתִי טַהֲרֵנִי: אלעס ווערט ריין און אפגעוואשן. זאגט די הייליגער תורה זאלסט נישט מיינען אז נאר עבירות בין אדם למקום איז דא א גרויסער פלעק אבער עבירות בין אדם לחבירו איז די פלעק נישט אזוי גרויס דעריבער זאגט די פסוק "מִכָּל חַטֹּאת הָאָדָם" וואס דאס איז עבירות בין אדם לחבירו, איז דאס אזוי ווי לִמְעֹל מַעַל בַּה', און "וְאָשְׁמָה הַנֶּפֶשׁ הַהִוא" די זעלבער גרויסער פלעק אויף דיין נפש. (שמח זבולון עפ"י אהל ברוך להגה"צ ר' ברוך גרינפעלד תלמיד ערוגת הבושם)

**שיינע דרוש פון בענטשן אידן און השראת השכינה פון דברי ישראל ממאדזיץ**

וְשָׂמוּ אֶת־שְׁמִי עַל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַאֲנִי אֲבָרְכֵם: וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת־הַמִּשְׁכָּן: (ו כז / ז א) דארף מען פארשטיין וואס איז די שייכות מיט וַאֲנִי אֲבָרְכֵם און וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת־הַמִּשְׁכָּן? נאר עס שטייט (ויקרא ט כג) וַיָּבֹא מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד וַיֵּצְאוּ וַיְבָרְכוּ אֶת־הָעָם וַיֵּרָא כְבוֹד־ה' אֶל־כָּל־הָעָם: זאגט רש"י וז"ל כיון שראה אהרן שקרבו כל הקרבנות ונעשו כל המעשים ולא ירדה שכינה לישראל היה מצטער ואומר יודע אני שכעס הקב"ה עלי ובשבילי לא ירדה שכינה לישראל אמר לו למשה משה אחי כך עשית לי שנכנסתי ונתביישתי מיד נכנס משה עמו ובקשו רחמים וירדה שכינה לישראל. עכ"ל. קומט אויס לויט רש"י אז משה און אהרן האבן געבעטן רחמים איז געווארן השראת השכינה , איז שווער אויב די עיקר סיבה איז געווען די בקשה פארוואס שטייט אין פסוק וַיֵּצְאוּ וַיְבָרְכוּ אֶת־הָעָם, עס וואלט געדארפט נאר שטיין וַיָּבֹא מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד און געבעטן רחמים און נאכדעם וַיֵּרָא כְבוֹד־ה' אֶל־כָּל־הָעָם? איז על כרחך דארף מען זאגן אז די סיבה פון וַיֵּרָא כְבוֹד־ה' איז נאר ווייל וַיֵּצְאוּ וַיְבָרְכוּ אֶת־הָעָם!
דער ענין פון דעם איז וואס דער זהר הק' (אמור צ':) זאגט אויפן פסוק (תהלים ג ט) לַה' הַיְשׁוּעָה עַל־עַמְּךָ בִרְכָתֶךָ סֶּלָה: לַה' הַיְשׁוּעָה – ווען האט דער אויבערשטער א ישועה, ווען עַל־עַמְּךָ בִּרְכָתֶךָ סֶּלָה –ווען די אידן זענען געבענשט! ע"כ הזוהר הק'. קומט אויס אז כדי דער אויבערשטער זאל קענען רוהען אויף די משכן דארף מען זען אז די אידן זאלן זיין געבענשט, ממילא איז גוט פארוואס עס שטייט אין פ' שמיני וַיֵּצְאוּ וַיְבָרְכוּ אֶת־הָעָם, זיי האבן געבענשט די אידן האט דער אויבערשטער געהאט זיין ישועה, און וַיֵּרָא כְבוֹד־ה' אֶל־כָּל־הָעָם. מיט דעם מהלך איז שוין גוט די סמיכות וַאֲנִי אֲבָרְכֵם און וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת־הַמִּשְׁכָּן, ווייל יענעם טאג איז געווען השראת השכינה אויפן משכן און כדי דאס זאל זיין מוז זיין א ברכה פאר כלל ישראל דעריבער וְשָׂמוּ אֶת־שְׁמִי עַל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַאֲנִי אֲבָרְכֵם, וועלן די אידן זיין געבענשט, וועט קענען זיין וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת־הַמִּשְׁכָּן, מיט השראת השכינה אויפן משכן. (ליקוטי דברי ישראל מאדזיץ)

**מנהיגים פון תורה געהערט צו עהרליכער און פאסיגער תלמידי חכמים**

וְלִבְנֵי קְהָת לֹא נָתָן כִּי־עֲבֹדַת הַקֹּדֶשׁ עֲלֵהֶם בַּכָּתֵף יִשָּׂאוּ: (ז ט) שטייט וְלִבְנֵי קְהָת לֹא נָתָן וואס דאס גייט ארויף אויף די פריערדיגן פסוקים אֵת שְׁתֵּי הָעֲגָלוֹת וְאֵת אַרְבַּעַת הַבָּקָר נָתַן לִבְנֵי גֵרְשׁוֹן וְאֵת אַרְבַּע הָעֲגָלֹת וְאֵת שְׁמֹנַת הַבָּקָר נָתַן לִבְנֵי מְרָרִי, וואס הגם די בְּנֵי גֵרְשׁוֹן און די בְּנֵי מְרָרִי האבן געטאן זייער עבודה מיט עגלות אבער די בְּנֵי קְהָת האבן נישט געמעגט טאן זייער עבודה מיט עֲגָלוֹת נאר דורך בַּכָּתֵף יִשָּׂאוּ, קען זיין דער רמז ווייל די עבודה איז געווען צו פירן דעם ארון וואס אין דעם איז די לוחות, די הייליגע תורה, זענען די בְּנֵי קְהָת געווען תורה מנהיגים, און דאס קען נישט זיין אז עֲגָלוֹת זאלן זיין די פיהרער'ס פון תורה, און מנהיגים פון תורה געהערט צו עהרליכער און פאסיגער תלמידי חכמים, (אהל ברוך להגה"צ ר' ברוך גרינפעלד תלמיד ערוגת הבושם)

# מדור העובדות

## הרה"ק ר' יהושע פון בעלזא זצוק"ל שיקט אהיים זיין חסיד פאר שבועות

הגם מיר האלטן שוין אין חו"ל נאך שבועות, אבער עס איז באקאנט וואס צדיקים האבן גוזאגט אויפן שבת נאך שבועות אז עס איז נאך שבועות: ברענגען מיר דא א מעשה פון אמונת צדיקים,

אמאל איז א חסיד פון הרב הקדוש ר' יהושע מבעלזא זצוק"ל -דער מיטעלע רבי- געקומען צו פארן אויף דעם הייליגן יו"ט שבועות קיין בעלזא. די נסיעה פון חסיד איז אים בכלל נישט גרינג אנגעקומען ווייל ער האט געוואוינט אין א רוסישע שטעטל און בעלז איז געווען אין פולין גאליצי', אבער עס האט זיך געמאכט א געלעגנהייט צו קענען פארן די לאנגע נסיעה, און וואס טוט מען נישט כדי צו זיין ביים יו"ט פון קבלת התורה במחיצת קדשו פון זיין הייליגע רבי, און ער האט געמאכט די נסיעה. נאך א שווערע רייזע איז ער אנגעקומען קיין בעלזא און דער חסיד איז אין א דערהויבענע שטימונג, זיין גאנצע מוח איז אנגעפילט מיט די אקדמות פון רבין און די טישן, אבער ווען ער איז אריינגעקומען שלום נעמען ,האט אים דער רבי גוזאגט" ,פאר צוריק אהיים לחיים ולשלום ,"און דער רבי האט גענומען א גארטל פון ליידל און דאס געגעבן פארן חסיד ,און גוזאגט: "נעם דעם גארטל במתנה און ווען דו וועסט זיין אויף שבועות ביינאכט און זאגן תיקון, זאלסטו נישט פארגעסן אנצוטוהן דעם גארטל." דער חסיד הערענדיג די ווערטער פון צדיק איז ער געווארן שטארק איבערעש'ט, און ער האט אנגעהויבן זיך איינבעטן ביים צדיק און זיך גענומען וויינען: איך בין דאך געקומען אזא שווערע נסיעה צום רבי'ן, כדי זיך אנווארעמען ביים רבי'ן אויף שבועות ,ווי אזוי קען איך זיך יעצט צוריק אהיים פארן אן גארנישט? דער רבי האט אבער פון גארנישט געוואלט הערן.

דער רבי האט דאן נאך שטרענגער א זאג געטאהן: "פרעג נישט יעצט קיין קשיות, אז איך האב דיר עפעס געהייסן טאהן, איז טו עס מיט אן פרעגן קשיות." ביים געזעגענען האט אים דער צדיק צוגעלייגט: "זיי געווארנט אנצוטאן דעם גארטל שבועות ביינאכט ווי איך האב דיר גוזאגט, אבער דעם יאר זאלסטו נישט גיין אין שוהל זאגן תיקון ליל שבועות, נאר זאלסט בלייבן זיצן אינדערהיים זאגן דארטן תיקון!" בלית ברירה האט זיך דער חסיד געזעגענט פונעם צדיק און זיך געלאזט אין וועג אריין. ווען ער איז אנגעקומען אהיים, איז שוין געווען ערב שבועות שפעט נאכמיטאג נאנט צו מנחה. ווען זיין ווייב האט אים פלוצלונג געזען צוריק קומענדיג אהיים, איז זי זעהר ערשטוינט געווארן "וואס האט מיט דיר פאסירט"? האט זי אים פארוואונדערט געפרעגט, "פארוואס ביסטו פלוצלונג צוריקגעקומען, נאכדעם וואס דו האסט באשלאסן צו זיין אויף שבועות ביים רבי'ן און דערצו נאך אין אזא שפעטער שעה"? ער האט איר געענטפערט, נישט ווייניגער פארוואונדערט": גלויב מיר אז איך ווייס פונקט ווי דיר, נאר אזוי ווי איך בין אריינגעקומען צום צדיק שלום נעמען האט ער מיר גוזאגט, קורץ און שארף: "פאר צוריק אהיים" און דערביי האט ער מיר געגעבן דעם גארטל זאגנדיג "אז איך זאל דאס אנטאהן שבועות ביינאכט", די פרוי וואס איז געווען א חסידיסטע האט זיך גלייך בארואיגט און גוזאגט, "אז דער רבי האט אזוי געהייסן איז געוויס פארהאן דערין א גערויסע כוונה" און זיי זענען געגאנגען צום יו"ט מיט א דערהויבענע שטימונג. ער האט געטראכט מיט צוהאלטן מיטן רבין פון דער ווייטענ'ס.

עס איז געווען שבועות ביינאכט, ווען דער חסיד איז געזעסן ביי זיך אינדערהיים זאגענדיג תיקון ליל שבועות און גדענקט וואס דער רבי האט אים געהייסן בלייבן אינדערהיים און זייענדיג ארומגעבינדן מיטן גארטל און ער זאגט הויך אויפ'ן קול דעם תיקון ליל שבועות אזוי ווי ער געפינט זיך צווישן די חסידים אין שטיבל, ווען פלוצלונג דערוועקט ער זיך פון זיין דביקות און הערט שווערער טריט אונטערן טיר, ער האט שוין פארשטאנען וואס דאס מיינט, אז א באנדע רויבער האבן זיך דא אנגערוקט, ער האט שוין כמעט משלים געווען מיט'ן פאקט אז זיי וועלן אים יעצט דא ערלעדיגן ח"ו, אזוי ווי זיי האבן געגעבן א ברעך אויף די טיר וועלנדיג איבערפאלן דעם חסיד מיט זיין הויז געזונט, אבער אזוי ווי זיי האבן געזעהן דעם חסיד זענען זיי געבליבן שטיין פאראליזירט נישט קענעדיג ארויס ברענגען א ווארט פון זייער מויל. דער חסיד האט שנעל אראפגענומען זיין גארטל און צוגעבונדן זייערע הענט און פיס. און איז באלד ארויסגעלאפן רופן די פאליציי, וועלכע האבן תיכף אפגעפירט די גזלנים אין תפיסה,

דער חסיד האט שוין יעצט פארשטאנען פארוואס דער צדיק האט אים געהייסן צוריק אהיימגיין, ווייל דאס איז געווען צו ראטאווען זיין הויז געזינט און דער צדיק האט דאס אלעס געזען ,אבער ער האט נישט געקענט פארשטיין פארוואס איז באפאלן אזא פלוצלונג שרעק ווי נאר זיי האבן איבער געטראטן זיין שוועל? ווען מען האט אויסגעפארשט די גזלנים איז שוין קלאר געווארן די גאנצע מעשה, ווייל די גזלנים האבן דערציילט פאר די פאליציי אז זיי האבן געהערט אז דער חסיד פארט אוועק אויף יו"ט, האבן זיי באשלאסן צו באראבעווען זיין גאנץ פארמעגן, און עס וועט נישט זיין קיין ווידערשטאנד פון די בני בית, אבער וויבאלד זיי האבן נאר געזען דער חסיד און אז ער איז געווען ארומגעבינדן מיט דעם גארטל איז אויף זיי געפאלן א שרעק און זיי האבן געפילט ווי זיי זענען פאראלעזירט און גארנישט געקענט טאן. דעמאלטס איז שוין געווארן קלאר דעם צדיק'ס טיפע כוונה, באפעלנדיג דעם חסיד צו בלייבן ביי זיך אין שטוב און זיך ארומבינדן מיט דעם רבי'נס גארטל וועלכע איז באמת געווען א שמירה פאר אים זיך אויס צוהיטן ווערן פון א סכנה און ער איז ארויס קומען דערמיט שָׁלֵם בְּגוּפוֹ וְשָׁלֵם בְּמָמוֹנוֹ און א פרייליכן און דערהויבענער יו"ט זיע"א.


*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד- צו פארקויפן -*

*סידור של"ה דפוס ראשון מיט הגהות און באלאנגט צום דעת שלום משאץ לונדון $50000 סידור קול יעקב סלאוויטא הגהות און באלאנגט צו הרה"ק ר' בצלאל מרגליות געווען ביים בעש"ט $45000 א זעלטענע שיינע סעט פון חומש היכל הברכה קאמארנא ערשטע דרוק מיט הונדערטער הגהות פון הרה"ג ר' יצחק יוסף חזן פון לאסק אויף רש"י און משכיל לדוד מען קען מאכן א ספר פון די הגהות $13000, סידור תורה אור חב"ד גדרוקט אין שנגהאי תש"ז זייער זעלטן $2000, ספר יעקב וישראל מיט פול הגהות בכת"י $700, ספר עסים רימונים מיט צווי חתימות השרף מטאש 10000 $*

א תעודה וואס האט א חתימה פון הרה"צ מטאש זצוק"ל, צווי ספרים עבודת הקודש און שו"ת מהרש"ל מיט די חתימות פון הרה"ק ר' פייש דער שרף דער ערשטער טאש רבי, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, תהלים אמרות טהורות דפוס זיטאמיר, תהלים דגל והודיה דפוס זיטאמיר, תהלים ע"ט דפוס זיטאמיר, הרבה ספרים מישיבה תת"ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב"ד שנדפסו לפני המלחמה, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, ספר שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון א סגולה אויף שמירה, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר $1500. **גרויסע תהלים מיט מעמדות דפוס זיטאמיר $7000**, א בריוו פון ר' אהרן וואלקין וועגן זיין ספר סביב ליראיו, ספר מגיני שלמה ויניציא תק"א עם חתימת ר' פייוויל פלויט תלמיד חתם סופר. הכתב והקבלה דפוס ראשון, **ספר מיט צווי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ**, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, קומט אריין און איבערצייגט זיך. איבער 10000 ספרים אין געשעפט, מיר ווייסן וואס מיר האבן, און אלעס איז מסודר אין א סדר. אויך האבן מיר א גרויסער אויסוואהל פון הגדה של פסח אסאך שאינם בנמצא. ספר אוצר הרבנים $150 ספר מלכות אדמור"י טשרנאביל $200 ספר לחם שמים פון יעבץ דפוס ראשון מיט 25 שיינע הגהות פון הגאון ר' מרדכי מיכאל יפה תלמיד חביב פון ר' עקיבא איגר און בע"מ תשובות מהר"ם יפה ועוד $4000

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Thursday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת -- http://ladaat.info/gilyonot.aspx אדער אויף לדעת